צו לערער ראוויטש -

וואס האט מיר אזוי אפט אינספירירט

מיט זיינע מעשיות:

א מתנה

אויף זיין זיבעציקסטן געבוירנטאג

27/XI/63

## דער אינטערנאציאנאל

פון דוד ראסקעס

,,היינט,דעם 27טן נאוועמבער איז א גרויסער טאג פאר דער וועלט. צען אזייגער היינט אין דער פרי האט כרושטשעוו מסכים געווען אונטערצושרייבן א וועלט שלום אפמאך. דער באשלוס איז געווען א גרויסע איבארראשונג. דער רוסישער פרעמיער האט געשטעלט נאר איין באדינגונג: אז די גרויסע וועלט מאכטן זאלן באשטימען אן אפיציעלע אינטערנאציאנאלע שפראך. ער גיט זיי דריי חדשים דאס דורכצופירן...גרויסע שמחות אין אלע הויפט שטעט פון דער וועלט...''

אויף מארגן האט זיך באוויזן אזא ארטיקל אין די נייע יידישע שטימע:

,,אלס א ייד,מוז איך זיין זייער קריטיש צו כרושטשעווס באשלוס. מיר יידן ווייסן גאנץ גוט וואס ער האט אונדז אפגעטאן די לעצטע פאר יאר.ס'איז נישט קיין צופאל אז ניינציק פראצענט פון די שולן האבן זיך לעצטנס דארטן פארמאכט. ס'איז אויך נישט קיין צופאל אז מען האט פארמשפט איבער הונדערט יידן צוליב ,עקאנאמישע פארברעכנס'. דער אפמאך איז עפעס צו לייכט אנגעקומען.פלוצלונג אין מיטן דערינען באשליסט ער צו מאכן שלום. ס'איז זיכער נישט אזוי פשוט ווי עס זעט אויס.ער וויל זיכער מיט דעם עפעס געווינען,עפעס באווייזן...''

,,היינט,'' האט אנאנסירט דער ראדיא ,,נאך דריי טעג נאך כרושטשעווס היסטארישן באשלוס,האט זיך שוין געשאפן א קאמיטעט פון פופצן מלוכות צו געפינען אן אינטערנאציאנאלע שפראך.דער קאמיטעט האט באקומען א געביידע אין זשענעווע,און דארטן טרעפט ער זיך. דער אמעריקאנער דעלעגאט האט געגעבן צו וויסן אז לויט זיין מיינונג דועט מען אננעמען א באשלוס אין עטלעכע וואכן.''

דער בוענאס-איירעס שטערן פון דעם 27טן דעצעמבער שרייבט:

,,ס'איז שוין אריבער דער ערשטער חודש און די שפראך קאנפארענץ קען נאך אלץ נישט באשטימען קיין אינטערנאציאנאלע שפראך.דער ארגענטינישער דעלעגאט גיט אונדז איבער אז יעדעס מאל וואס מען שלאגט פאר אן אנדער שפראך,ווארט עס בעלד אפגעווארפן. ביז אהער האט מען שוין עלימינירט ענגליש (רוסן ווילן נישט); רוסיש (ענגליש רעדנדיקע ווילן נישט); פראנצייזיש (אמעריקע לאזט נישט צוליב דעם סקאנדאל מיט דע גאלן); דייטש (די איטאליענער ווילן נישט צוליב ,מאראלישע סיבות' וואס האבן צו טאן מיט די נאציס); איטאליעניש (די דייטשן נעמען נקמה און לאזן נישט); שפאניש (די ענגלענדער לאזן נישט צוליב דעם אייל קאמף מיט אונדזער רעגירונג); און כינעזיש (מען האט נאך נישט אנערקענט כינע)."

,,א שלום דעלעגאציע פון פרויען האט געמאכט א דעמאנסטראציע אין זשענעווע.זיי האבן אפעלירט צו די שפראך דעלעגאטן צו באהערשן זייער עקשנות און פארגעסן זייערע נארישע קריגערייען איידער עס ווערט צו שפעט.''

די קאנאדישע יידישע צייטונג פון דעם 26טן יאנואר שרייבט:

,,ס'איז טאקע אנגעקומען א נייער יאר אבער די שאנצן פון א באשלוס אין שפראך קאנפערענץ ווערן וואס א מאל קלענער. אפילו מיט די צענדליקער דעמאנסטראציעס איז די לאגע א קריטישע איבער דער גאנצער וועלט.

,,פרייטיק האבן די רוסן אפגעזאגט די רעכט פון העבראיש און לאטיין צו ווערן אינטערנאציאנאל.דאס זיינען דאך רעליגיעזע שפראכן,און קאמוניסטן אנערקענען נישט קיין רעליגיע.

,,עס ווערט שוין קלאר אז כרושטשעווס פלאן איז נישט געווען קיין הומאניטארער.ער האט פארגעלייגט דעם אפמאך,ווייל ער האט געוואוסט אז די פעלקער וועלן נישט קענען איינשטימען צווישן זיך.ער האט נאר געוואלט באווייזן וואס פארא צדיק ער איז;אז ווען ער גיט די וועלט די געלעגנהייט, מאכט זי א טל דערפון.באלד וועט ער האבן ערשטקלאסיקע פראפאגאנדע פאר זיך.

-איר זעט-וועט ער מיט שטאלצקייט אנווייזן.-איך האב געוואלט שלום,אבער

איר האט עס צונישט געמאכט. ס'איז אייער שולד! מיינע הענט זיינען ריין.

,,מילא,וואס קען מען טאן? מען דארף בעטן גאט,און האפן-אפשר וועט דאך קומען די ישועה..."

אין די ארבעטער ציימונג אין א ווינקל ערגעץ פאררוקט,זיינען געווען די עטלעכע פאר שורות וואס ווייניק לייענער האבן באמערקט:

,,דר. דניאל שניידער פון דעם יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט, איז היינט אוועקגעפארן אין דער שווייץ. ער האט אנגעזאגט אז ער וועט אפשר באזוכן זשענעווע זיך ארומצוקוקן וואס עס טוט זיך דארטן. דר. שניידער וועט זיין אין בערן דריי וואכן."

איז לאמיר נישט מאריך זיין די מעשה מער ווי עס דארף צו זיין.דער 27טער פעברואר איז אנגעקומען און דער קאמיטעט האט נאך אלץ נישט געקענט איינשטימען צווישן זיך. אין זשענעווע זיינען געווען פארזאמלט טויזנטער סטודענטן און זשורנאליסטן.די שטאט איז געווען אין א היסטארישן צושטאנד: דאס איז געווען דער לעצטער טאג. צווישן די הונדערטער פלאקאטן,לויפערס, שפרינגערס און שרייערס,האט געבלאנדזשעט דניאל שניידער. אין א קורצער צייט ארום האט ער געפונען דאס הויז פונעם קאמיטעט,אבער צוקומען אהינצו איז שוין געווען גאר א שווערער ענין.הונדערטער מענטשן האבן זיך געשטופט, געשטויסן,און האבן איינעם דעם אנדערן צעטראטן.און פאליציאנטן-א פארפליי-צונג! מערער פאליציאנטן און סאלדאטן ווי מענטשן. מען האט שניידערן אזוי ווייט בעשטופט,ביז וואנען ער האט זיך געפונען פאר דער טיר פון דער קאנפערענץ געביידע,

-וואס ווילסטו דא?-פרעגט ביי אים שטרענג א פאליציאנט.

-איך וויל מען זאל מיר אריינלאזן צו דער קאנפערענץ-ענטפערט דער ייד.

-און מיט וואס פארא רעכט?-פרעגט ווייטער דער היטער נישט האבנדיק צו אים קיין צוטרוי.

-איך בין א דעלעגאט-ענטפערט שניידער.

-פון וואנען?-דער פאליציאנט האט נאך אלץ נישט קיין פארטרויאונג.

דר. שניידער טראכט נישט לאנג און ענטפערט-פון יודנשטאט.

דער היטער איז נאך אלץ נישט געווען זיכער.

-גוט-זאגט ער -איך וועל דיר אריינגעמען,אבער איך וועל מיט דיר בלייבן די גאנצע צייט. אז אך און ווי וועט דיר זיין אויב דו וועסט עפעס וואס צעשטערן!

דר. שניידער איז אריין מיט זיין שאפראן.מען האט אים אריינגעפירט אין א ריזיקן צימער וואו עטלעכע און צוואנציק מענטשן זיינען געזעסן ארום א טיש און געשריען איינער אויפן אנדערן.אבער ווי נאר מען האט דער-זען שניידערן איז מען געווארן שטיל-שטיל ווי דער טויט.

-איך הייס דניאל שניידער-האט אנגעהויבן אונדזער העלד. -איך בין געקומען פארצושלאגן יידיש אלס די אינטערנאציאנאלע שפראך.

-יידיש?-פרעגט דער כינעזישער דעלעגאט._וואס פארא שפראך איז יידיש?

-יידיש איז א שפראך געבוירן געווארן אין 11טן יארהונדערט אין דייטשלאנד. ס'האט פון דארטן עמיגרירט קיין פוילן. היינט איז דאס די שפראך פון א צוויי מיליאן יידן.יידיש האט עלעמענטן פון דייטש,מיטל-הויכדייטש,האברעאיש,פראנצייזיש,ענגליש,איטאליעניש,אונגעריש,ווייסרוסיש, ליטוויש,פויליש,אוקראאיניש,גריכיש לאטיין און שפאניש.

-טאקע?- באוואונדערט דער איטאליענישער דעלעגאט.

-זאג מיר ביטע- פרעגט ווייטער דער כינעזער.-איז יידיש יענע שפראך אין וועלכער שלום עליכם האט געשריבן?

-יא- ענטפערט דער ייד.-ער איז איינער פון אונדזערע גרעסטע שרייבערס.

-אבער יידיש איז א שפראך פון ארבעטער און פאלקסמענטשן.עס פארמאגט אוודאי נישט דעם וואקאבולאר וואס א וועלט שפראך מוז האבן.-זאגט דער

רוסישער דעלעגאט.ער האט נאך אלץ געוואלט קאליע מאכן די פאסטרויקע.
-יידיש האט 800,000 ווערטער.דאס איז אפילו מערער ווי איטאליעניש.
-לאמיר איר אויספרואוון-זאגט דער ענגלישער דעלעגאט.ווי זאגט מען
? behavior pattern
-אויפפיר-פורעם-ענטפערט דניאל שניידער אויטאמאטיש.
- ? slide rule
-רוקווירע.
א מורמל איז דורכגעגאנגען דורך די דעלעגאטן. זיי זיינען געווען ענציקט.
- און shock absorber?- פרעגט דער ענגלישער ווייטער.
דער ייד טראכט א סעקונדע.די דעלעגאטן ווארן טענץ.
-טפרוזשיניע-אמאטיזאטאר!
-בראווא!_האט אויסגעשריען דער פראנצייזישער דעלעגאט.-מיר האבן שוין געפונען!
-לאמיר פריער שטימען און זען אויב אלע זיינען מסכים-האט ~~[illegible]~~ פארגעשלאגן דער שפאנישער דעלעגאט.-איוואן,וואס איז דיין באשלוס?-
-אזוי ווי יידיש האט א הויכן סלאווישן עלעמענט,מוז איך געבן מיין הסכמה.
-און דו דזשא?
_אזוי ווי יידיש האט אן ענגלישן עלעמענט,און אזוי ווי מיר האבן איבער פינף מיליאן יידן ביי אונדז אין לאנד,קען איך אויך מסכים זיין.
-איך בין אויך מסכים-זאגט דער איטאליענער._כאטש יידיש שטאמט אפ פון דייטש,איז עס אבער א יידישע שפראך, גלייכן זיך אויס אונדזערע מאראלישע ארגומענטן קעגן דייטש.
-איך בין אוודאי מסכים-זאגט דער דייטש.-ס'איז א גרויסער כבוד פאר אונדז אז די וואלט שפראך זאל זיין איינע געבוירן פון דייטש.מיר וועלן דארמיט אויך קענען באווייזן אז די באציונג צווישן אונדז און די יידן האט זיך א סך געענדערט.
דער שפאנישער און פראנצייזישער דעלעגאט האבן מסכים געווען צוליב די עלעמענטן פון זייערע שפראכן אין יידיש,און דער כינעזער האט מסכים געווען צוליב שלום עליכמען.

---

אזוי איז יידיש געווארן די אינטערנאציאנאלע שפראך. לײדער איז דאס נאר א מעשה,אבער מען קען קיינמאל נישט וויסן ווען א פאנטאזיע קען זיך פארוואנדלען אין א ווירקליכקייט.

געווידמעט מלך ראוויטש

צו זיין זיבעציקסטן געבוירנטאג

דעם 27טן נאוועמבער,1963